# כי הוא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים?! יא!!

## א.

**די חכמה ליגט אין תלמוד, והעיון בסברותיה, ובירור הלכותיה.**

איך בין אדורך אלע הסברים איבער די סיבה פארוואס אידן זענען קלוגער, הצד השוה שבהם, אז אדער איז דאס נישט גענוג א שטארקער הסבר וואס זאל גוט שטימען על פי שכל, אדער איז דאס נישט קיין הסבר פארוואס דוקא די אשכנזי'ישע אידן האבן די העכערע איי. קיו. לעוועל.

לדעתי איז די פאלגענדע הסבר די ריכטיגסטע הסבר, ואפרש שיחתי.

*עם הספר*

*די צווייטע טעאריע וואס פעליסער ברענגט איז אויפגעברענגט געווארן דורך דעם אויבנדערמאנטן טשארלס מורעי. ער טענה'ט אז וויבאלד רוב אידן לערנען תלמוד בבלי, און תלמוד בבלי איז אינטעלעקטואל קאמפליצירט און סאפיסטיקירט. מורעי טענה'ט אז צו בלייבן א איד האט מען געמוזט זיין קלוג. די נישט קלוגע האבן נישט געקענט לערנען און זיי האבן געהאט שווערער שאנסן צו באקומען א שידוך און אויפצוען קינדער וועלכע וועלן בלייבן אידן. דאס איז ענליך צו איחוד פעלד'ס טעאריע איבער לערנען, און האט אויך אן עלעמענט פון נאטורליכען סעלעקציע וואס יאנקל האט דערמאנט.*

די סיבה פארוואס די אידן זענען געבליבן איבערגעשפיצט במשך כל הגלויות, איז בעיקר נחלת התורה שבעל פה, און איר תלמוד אין שפיץ. די געדרייטע סברות אהין און צוריק, די שו"ת וואס מ'לאזט נישט נאך, די פילאזאפיע, מאטעמאטיק, דרוש, אגדה, הרגשים, וכו', וואס מ'זעט אינעם תלמוד, איז צום שטוינען. דאס האט אויסגעשארפט די מוחות, און געמאכט די אידן זאלן אלס זיין קלוגער פון זייערע ארומיגע [ס'איז אויך א פאקט, אז די אידן זענען געווען די פארוואלטער'ס ביי פריצים'ס גוטער, וויבאלד זיי האבן געקענט די בעסטע מאטעמאטיק, חשבונות איבערן פירן דעם גוט. און אזוי אויך האבן זיי געקענט ליינען, שרייבן, וכו', בעסער פון עמך פויערן].

דאס איז נאר אויסגעשארפט געווארן וואס א דור שפעטער, דורך די השתלשלות התורה, פון די גאונים, ראשונים, בעלי תוס' ומפרשי הש"ס, ביז פוסקי הלכה ושו"ת, וואו די כח החילוק וסברא איז ארויסגעברענגט געווארן צום העכסטן ניווא. און די תורה איז גענוג ברייט אז ס'האט געקענט אריינעמען טיפע סברות אין געטליכע דינים [הל' שבת, נדה, וכדומה], ווי אין גערירכטליכע פסקים [חו"מ, הל' רבית]. שוין אפגערעדט די אנדערע חלקי התורה ווי דרוש, דקדוק, אסטראנאמיע, וכו'.

**בין יהדות אשכנז ליהדות ספרד.**

די סיבה פארוואס דוקא די אשכנזי'ישע אידן זענען אזוי קלוג און נישט זייערע ספרד'ישע ברידער איז, וויבאלד מיט די צייט האבן וויינעגער ספרד'ישע אידן זיך אפגעגעבן מיט הפצת התורה אויף א מאסנשטאב. אנגעהויבן פונעם פאקט אז ס'איז געווען וויינעג ספרד'ישע בארימטע ישיבות די לעצטע פאר הונדערט יאר, אדער אייגענטליך, זייט תקופת הראשונים. וואס דאס האט דירעקט גורם געווען צו א קלענערע קנאת סופרים און בכלל קלענערע מאס ת"ח וואס זאלן זיך שניידן קעפ אין לערנען און אין סברא. ביזן פאקט אז זיי האבן זיך צוביסלעך אנגעהויבן אריינלייגן אין 'זיסע' סברות אין לערנען, אנשטאט אין 'טיפע' סברות. איינער וואס

האט אמאל ארויסגענומען ספרים פון ספרד׳ישע אחרונים די לעצטע פאר הונדערט יאר, לעומת זייערע אשכנז׳ישע ברידער, זעט גלייך דעם ירידת הדורות אדער שינוי בדרך הלימוד [וויאזוי דו ווילסט עס רופן].

אין די צייט וואס ביי אשכנזים האט די בירור וליבון אנגענומען וואס אמאל א שטערקערע פאזע, פון תקופת המהרש״ל והמהרש״א, אריין אין תקופת הפנ״י ונוב״י, שאג״א ורר״י אייבשיץ, ביזן אויפרייס פון ר״ח בריסקער׳ס דרך הלימוד. איז די תורה ביי ספרדים געווארן כסדר שוואכער, בכמות, אבער נאך ערגער - באיכות.

וויפיל לומד׳ישע ספרים זענען געשריבן געווארן אויף ש״ס דורך ספרדים די לעצטע פאר הונדערט יאר?! אדורכגייענדיג אוצר החכמה, זעט מען קלאר דעם ריזן חילוק אין דרך הלימוד און שפיציגקייט. דאס איז דער דירעקטער גורם פון א שארפע, דורכדרינגליכע, אשכנז׳ישער איד, וואס האט אויך א משונה׳דיגע התמדה און ׳דרייוו׳ בכל לימודיו, קודש כחול.

לפי זה איז גאר שטארק מובן, און גאר א סייעתא לדבריי, דאס וואס איינער האט גע׳טענה׳ט אז ס׳געווען איבער גענוג גאונ׳ישע קעפ ביי די ספרדים במשך הדורות, און אזוי אויך דאס וואס מאנכע טענה׳ן, אז ארום 700-900 יאר צוריק זענען געווען אן א שיעור ספרד׳ישע אידישע סייענטיסטן און געלונגענע קעפ.

לדעתי היא היא הנותנת, אין די תקופת הראשונים האט דאס אידישע לעבן געשפרודלט אין ספרד׳ישע מדינות. די גאונים וואס האבן אוועקגעשטעלט חותמות אויף פארשידענע ענינים, א שטייגער ווי דער רי״ף, רמב״ם, רמב״ן, ראב״ע, רשב״א, ועוד, האבן געהאט תלמידים לרוב, און ישיבות האבן ארויסגעגעבן מאסן לומדים וואס האבן אפילו פארצייכנט הערות אויפן תלמוד אדער גאר מקצועות בהלכה, נאכמער ווי זייערע אשכנז׳ישע ברידער. אבער מיט די צייט איז דאס אונטערגעגאנגען, און מיט דעם - זייער אויסערארנדליכע חכמה.

**בימים ההם - בזמן הזה.**

אודאי נעמט דאס א לענגערע צייט, און ס׳מוז נישט זיין אז ס׳גייט זיך אפשטעלן, איבערהויפט איינמאל ס׳איז שוין דא אוועקגעשטעלטע אינסטיטוציעס וואס געבן זיך אפ מיט חכמה, און אפילו חכמה פאר אידן אלס איד [מדינת ישראל], אבער במשך הדורות ווען מ׳איז עווענטועל פארפאלן געווארן, איז לא עמדה להם חכמת אבותם וויבאלד זיי אליינס האבן שוין כמה דורות נישט געהאט קיין יניקה פון די טיפזיניגע אויסשארפנדע חקירות בכל מיני מקצועות התורה.

די בעסטע משל ברענג איך אלס פונעם שולחן ערוך, א חיבור פון א ספרדי, וואס איז אנגעפירקלט פון אלע זייטן מיט גאונ׳ישע הגהות, דינגערייען, מסקנות, פון --- אשכנזים. נישט נאר דאס, נאר אזיוויי דעם שו״ע, זענען ארויסגעקומען אן א שיעור אשכנז׳ישע חיבורים וואס האבן געוואלט מאכן אן אייגענעם קו בדומה לו, אפאר דוגמאות: דער לבוש, חיי אדם, שו״ע הרב, קיצור שו״ע, ועוד. פון די ספרד׳ישע ווייס איך נאר פון איינס, דער כף החיים. דאס רעדט מער ווי א טויזענט ווערטער.

איי שטעלט זיך די פראגע, פארוואס אונז זענען נישט קיין לייבן אין קיין שום מקצוע, לעומת דער פרייער איד כמה דורות וואס הערט נישט אויף צו שאקלן דעם סעקולארן וועלט מיט זיין גאונות. דער תירוץ איז פשוט: זיי טוען פשוט עפעס וואס זאל ארויסווייזן וואספארא ברייטע טיפע מוחות זיי פארמאגן מדורי דורות. זייער פעלד איז פילאזאפיע, סייענס, וכו׳, וואס דער וועלט דארף א צורך דערין, און דערפאר איז ניכר וואספארא עילויים דאס אידיש פאלק פארמאגט. משא״כ אונז פרומע יודעלעך וואס לערנען א גאנצן טאג, וואו זאל אויסקומען אז מיר זאלן קענען ווייזן אונזער אמת׳ע טיפע פארשטאנד אין א נושא וואס מיר שטודירן יא?! ס׳איז ברור אז די פאטענציאל פארמאגן מיר, און טאקע מער פון סתם א גוי אין גאס. גענוג מאל וואס כ׳האב געזען מחקרים, אז פרומע אידן וואס לערנען אין קאלעדזש וכדומה דערגרייכן שנעלער, און בעיקר - טיפער, ווי זייערע חברים-סטודענטן.

לדעתי איז דאס אויך דער סיבה פארוואס מ׳זעט אזויפיל ספרד׳ישע סייענטיסטן וכדומה בתקופת הראשונים, וכפי שהובא לעיל. וויבאלד ביי די ספרד׳ישע אידן איז געווען גאר נפוץ דאס לערנען זייטיגע מקצועות ושאר חכמות, צו מאטעמאטיק, צו חקירה, צו דקדוק, צו פילאזאפיע, צו שירה, צו אסטראנאמיע, וכו׳ [ועי׳ באשכול שלי ׳הלכה למעשה׳, וואו רוב חכמי דקדוק, און פריערדיגע חוקרי היסטוריה, זענען ספרדים].

און אין די זעלבע צייט איז דאס נישט נאר נישט געווען נפוץ ביי אונז אשכנזים, נאר רוב אשכנז׳ישע גדולי ישראל האבן געפירט א מלחמת חרמה אנטקעגן פרעמדע חכמות, במשך כל הדורות. און דערפאר זענען ווייטער נישט ארויסגעקומען די סייענטיסטן ושאר חכמים מאחינו האשכנזים. משא״כ פרייע אידן וואס האבן נאך געהאט די גענע פון לומדי התלמוד, און האבן יא חוקר געווען סייענס ושאר מדעים, זיי האבן טאקע געשאקלט א וועלט (למשל שפינאזא, ועוד הרבה) און אזוי איז עס טאקע עד ימינו אלה.

**תורה מן השמים.**

צום לעצט איז נאר געבליבן צו פארענטפערן די קשיא, וויאזוי טאקע איז געשריבן געווארן אזא שארפע חיבור ווי תלמוד, אלא מאי זענען שוין געווען עילוים דעמאלס, נו הדרא קושיא לדוכתא, פון וואו שאפט זיך דאס עילוי׳ישקייט?! כמה תשובות בדבר: אדער אז ס׳איז לאו דוקא דער קלוגסטער חיבור, ס׳איז נאר אזא סארט לימוד וואס שארפט אויס דעם מח הלומדו [לענ״ד אינה התשובה הנכונה].

אדער וועט מען זיך משתמש זיין מיטן טענה, אז ביים גוי איז דער חכם געווארן א גלח שלא הוליד בנים און ביי אונז איז גאר פארקערט. לעניננו וועט מען זאגן, אז דאס איז אמאל געווען נאר נחלת הפרט פון עילוים ווי אמוראים, אבער צוביסלעך האט זיך דאס פארשפרייט אין כלל ישראל, אנשטאטס זיך פארמינערן ווי ביי די קריסטן. וביותר יובן מיט תקנת ר״י בן גמלא אז יעדעס קינד דארף לערנען תורה. ולעניינינו, דורכדעם איז א נחלת הפרט - וואס אנדערע פעלקער האבן אויך געהאט - געווארן א נחלת הכלל.

אבער מיר שמעקט מער צו זאגן אן אנדערער טעם, בדרך אחרון אחרון כבוד, שנראה להביא סימוכין מן התורה וואס איז שוין אויך דערמאנט געווארן, אז דער פסוק זאגט אויפן תורה (דברים ד, ו): כי הוא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים, אשר ישמעון את כל החקים האלה, ואמרו ׳רק עם חכם ונבון הגוי הגדול הזה׳. דאס מוז נישט מיינען אז זיי וועלן נתפעל ווערן פון גמ׳ [וואס אגב, דרום קארעא יוכיח אז אפילו כפשוטו פארשטייען זיי אז דאס לימוד הגמ׳ איז א גוואלדיגער לימוד], דאס קען מיינען אז זיי וועלן נתפעל ווערן פון די תלמוד׳יסטן, פון די מוחות פון די תלמוד לערנער׳ס.

דאס איז חוץ מזה, וואס אפילו כפשוטו איז דער תורה שבכתב אויך א חכמה לעיני העמים, מימי קדם ווען ס׳איז אזא ווערק נאך קיינמאל נישט געשריבן געווארן, און אפילו עד ימינו אנו, וואס אויף איר גרונד לעבן ביליאנען מענטשן איבער די וועלט.

אודאי וועט דער עווירדזש גוי זוכן א בעסערע הסבר, א נאטירליכע הסבר, וואס זאל נישט שמייסן אין פנים ווי אט דער פסוק. אבער אלע הסברים זענען גאר-גאר שוואך, געבויעט אויף שטרויענע העלצער, און בעיקר - שיינע סברות וואס האבן זיכער מוסיף געווען צום אידישן חכמה.

אבער אונזער קלוגשאפט האט סאך א בעסערע הסבר, און סאך א שטערקערע יסוד, נאך דעם פשוטי׳ן פסוק. חכמת שלמה שטימט שוין, חכמי ירושלים לעומת חכמי אתונה שטימט שוין, און חכמי ישראל לעומת חכמי אוה״ע עד ימינו אלה [ביי די וואס לאזן זיך אריין אין חכמות וואס דער גוי פארשטייט און האט נוצן דערפון], שטימט אויך.

די תורה גייט נישט באנקראט, און די מאס אידישע נאבעל פרייז געווינער׳ס זענען דוקא די עדות דערצו.

**נספח.**

דאס איז טאקע קלאר, אז עס האט נישט עכט מיט די אידישע גענע, וויבאלד די ספרדים האבן נישט די גענע פון גאונות מדהימה. על כרחך איז דא עפעס וואס האט שטארק צוגעגעבן פאר אונז אשכנזים. אזויפיל יא, א גענע האלט זיך פאר דורות, און אויב מיר לערנען שוין מיט אן עמקות הונדערטער, און טויזנטער יארן, דאן גייט דאס אריין אין אונזער גענע. ווי געשריבן, האבן די ספרדים אויך געהאט אסאך חכמים וואס זייער חכמה האט זיך געהאלטן כמה דורות נאך זייער אפלאזן דעם לימוד בעיון. ה״ה פרייע כהיום.

הוגי פילוסופיה פון אריסטו וכדומה קענען בשום אופן נישט זיין קלוגער. ס׳פעלט פון זיי א פונדאמענטאלע יסוד גערופן ׳משא ומתן׳ פון ש״ס. ווי געשמועסט, ליגט מער ספעציעלקייט אין די מאס מהלכים וואס ליגן אין גמ׳, ווי אין רוב אנדערע מקצועות. און דאס האב איך נישט מחדש געווען, דאס האבן שוין די פראפעסארן צוגעצייכנט אין מיין מאמר - געזאגט. איך האב נאר מבסס געווען די טעאריע אלס מערסטע מסתבר׳דיגע, מיט ראיות חותכות לענ״ד.

## ב׳.

### וואס מיינט ׳כי הוא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים׳?!

געוויסע האבן גע׳טענה׳ט, אז די פסוק (דברים ד, ו): ׳כי הוא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים, אשר ישמעון את כל החקים האלה, ואמרו רק עם חכם ונבון הגוי הגדול הזה׳, רעדט פון חוקי התורה שבכתב און נישט פון די תורה שבעל פה, דהיינו פלפולי התלמוד וכו׳. די טענה איז ריכטיג, און ווען משה האט געשריבן די פסוק האט ער אודאי נישט גערעדט פון סוגיות הש״ס נאר פון די תרי״ג מצוות וואס ער האט אויסגעלערנט כלל ישראל. דאס האב איך קלאר אויסגעשמועסט אויבן אויך, אבער לדעתי ליגט אין די פסוק א דרהער לדורות אויך, אז דאס גייט ארויף אויף שני חלקי התורה, שבכתב ושבע״פ [עיעו׳ ברש״י שם בשם הספרי ראה פנ״א, על הפסוק ׳ושמרתם ועשיתם כי הוא חכמתכם ובינתכם׳ וגו׳, שפירש הלשון ׳ושמרתם׳ על ׳משנה׳ שהוא בודאי חלק מתושבע״פ, והבן].

א צווייטער האט גע׳טענה׳ט, אז די פסוק זאגט אז די חוקי ונימוסי התורה זענען די קלוגסטע, און דאס וועלן די אוה״ע באוואונדערן, אבער נישט אז די אידן זעלבסט זענען חכמים. און דאס וואס די פסוק זאגט ׳ואמרו רק עם חכם ונבון הגוי הגדול הזה׳ מיינט צו זאגן, אז זיי וועלן באוואונדערן דאס פאלק וואס פירט זיך ע״פ חוקי התורה, וואס איז אסאך קלוגער ווי חוקי בשר ודם. דאס איז אויך מסתבר, באזירט אויפן לשון ׳כי הוא חכמתכם׳ וגו׳, דהיינו אז די חוקי התורה איז די חכמה.

אבער לויט דעם איז היבש שווער די מאדנע לשון פון ׳חכמתכם ובינתכם׳, ווען די נקודה איז די חכמה פון די תורה און נישט די חכמה פון די וואס פירן זיך לפי די תורה. אזוי אויך די לשון ׳ואמרו רק עם חכם ונבון הגוי הגדול הזה׳, איז משמע קלאר אז ס׳גייט ארויף אויפן קלוגשאפט פונעם פאלק, און נישט אויפן חכמת התורה וואס די וואס פירן זיך לויט איר הייסן אויך א ׳קלוג פאלק׳. אין אנדערע ווערטער, ווען די תורה וואלט ווען געוואלט ארויסברענגען נאר די חשיבות וחכמת התורה, וואלט ענדערש געדארפט שטיין ׳ואמרו אין חכמה כחכמת התורה ואין בינה כחוקי התורה׳, וכדומה. און אדרבה, לפי דברינו איז גאר מסתבר היטב אז די תורה איז די מקור החכמה וואס שארפט אויס די מוחות פון אירע לערנער, און די אידן זעלבסט ווערן א קלוג פאלק. [א זאך וואס האט זיך טאקע אויסגעשטעלט אלס ריכטיגע זאך, ווען אלע באוואונדערן די חכמה פון כלל ישראל].

אזוי איז טאקע אויך משמע פון לשון רש״י: ׳בזאת תחשבו חכמים ונבונים לעיני העמים׳, עכ״ל. דהיינו אז דורכדעם וועט כלל ישראל זעלבסט אנערקענט ווערן אלס קלוג פאלק, און נישט נאר אז זיי וועלן אויספאלגן קלוגע חוקים. אזוי זענען טאקע רוב מפרשי רש״י מפרש זיין כוונה, כאטש געוויסע זאגן טאקע פשט אז נאר די חוקי התורה וועט הייסן ׳חכמה׳ און דערפאר די וואס גייען איר נאך זענען ׳קלוגע׳. [ועיעוב״ז לקמן].

א דריטער האט געזאגט, אז די פסוק רעדט זיך פון חכמת חישוב החמה והלבנה. דא קריכט מען שוין אריין אין סוגיית הש"ס, ווייל כעי"ז זאגט די גמ' מסכת שבת דף ע"ה ע"א: 'א"ר שמואל בר נחמני א"ר יוחנן, מנין שמצוה על האדם לחשב תקופות ומזלות, שנאמר ושמרתם ועשיתם כי היא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים, איזו חכמה ובינה שהיא לעיני העמים, הוי אומר זה חישוב תקופות ומזלות', ע"כ. אבער דאס אליינס דארף א ביאור, פארוואס טאקע פונקט די מצוה פון חישוב תקופות ומזלות איז א חכמה בעיני העמים, אז צוליב דעם זאל מען מפרש זיין אז די פסוק מיינט טאקע דאס.

## ג'.

### וואס איז די ספעציעלקייט פון חכמת 'חישוב תקופות ומזלות'?!

אין ספר יראים [לראשון אחד, רבינו אלעזר ממיץ, תלמיד רבינו תם] סי' ר"ס שטייט, אז אויסצורעכענען תקופות ומזלות איז א מצות עשה גמורה! וז"ל: 'צוה הקדוש ברוך הוא את ישראל, שיחשבו תקופת חמה ומולדות הלבנה, דכתיב בפ' ואתחנן ושמרתם ועשיתם כי היא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים'. ער ברענגט טאקע ווייטער די אויבנדערמאנטע גמ' מסכת שבת, אלס מקור הדברים. אבער קיין טעם פארוואס טאקע, זאגט ער נישט.

דער שר מקוצי ברענגט אראפ דעם שיטה פונעם יראים, אין זיין באקאנטן ספר סמ"ג סי' מ"ז, און ער איז מוסיף א טעם: 'כי על ידי חישוב התקופות ומולדות, יודע מתי יצטרך לעבר החדש ולעבר השנה', ע"כ. דאס הייסט, אז טראץ דעם וואס חישוב מזלות איז בפשטות פשוט'ע אסטראלאגיע [ויל"ע בזה, ואכהמ"ל], איז דאס אלעס חלק פון חישוב תקופות ומולדות וואס אדאנק דעם קענען מיר מקיים זיין דאס וואס איז זיכער א מצות עשה לכו"ע, מקדש צו זיין דעם חודש און מעבר זיין די יאר [אזוי ווי עס שטייט אין רמב"ם הל' קידוש החודש פ"א ה"ז, ועיעו"ש בהגהות מימונית].

דער רמב"ם זעלבסט דינגט זיך דערויף, אזוי ווי ער שרייבט אין זיין הקדמה צום ספר המצוות [שורש א'], אז ס'איז טאקע א מצוה מחשב צו זיין תקופות ומזלות, אבער ס'איז נאר א דרבנן. פון די ווערטער פונעם רמב"ן וואס איז משיג דארטן אויפן רמב"ם, איז יא משמע ווי די יראים והסמ"ג, אז ס'איז דא א הכשר מצוה פון קידוש החודש ועיבור השנה, און דערפאר איז א מצוה אפילו די חלק אסטראלאגיע.

אזוי קומט אויך אויס פון די בפירוש'ע ווערטער פון תוס' אין מסכת כתובות דף קי"א ע"א, וז"ל: 'שלא יגלו סוד העיבור, כדאמרינן כי היא חכמתכם ובינתכם זהו סוד העיבור', עכ"ל. וואס כאטש מיר געפונען נישט אזא לשון אין ש"ס, זעען מיר קלאר אז תוס' האט געהאלטן בפשיטות אז חישוב תקופות ומזלות איז א חלק פון סוד העיבור. דאס וועט שטימען ע"פ דברי הסמ"ג הנ"ל.

פון די אויבנדערמאנטע ראשונים איז משמע, אז די מצוה איז צו קענען חישוב תקופות ומזלות אלס הכשר מצות קידוש החודש ועיבור השנה. לויט דעם מוז מען מפרש זיין, אז דאס וואס די תורה רופט עס אן 'חכמתכם ובינתכם לעיני העמים', מיינט צו זאגן אז דאס איז במציאות א חכמה לעיני העמים, וויבאלד די אידן זענען בקי אין שבילי הרקיע מער ווי די אוה"ע פארשטייען דערצו [אזוי ווי ס'איז טאקע געווען די פאקט בימי חז"ל, עכ"פ פראצענטועל]. אבער קיין חיוב צו ווייזן חכמה איז נישטא, און די תורה איז זיך בכלל נישט מתייחס צו כלל ישראל אלס חכמים, אדער אפילו די תורה אלס חכמה בעיני הגוים, נאר די ספעציפישע נושא פון אסטראנאמיע/אסטראלאגיע איז א חכמה אפילו בעיני הגוים, וואס די אידן זענען דארפן לערנען פשוט כדי לקיים מצות קידוש החודש ועיבור השנה.

אבער פון רש"יס ווערטער דארט אין מסכת שבת, זעט מען קלאר אז ער האט נישט געהאלטן אזוי. לויט רש"י איז עס נישט קיין הכשר מצוות קידוש החודש ועיבור השנה, נאר די עצם מושג פון קענען אסטראנאמיע און אסטראלאגיע איז א דבר חכמה. וז"ל: לעיני העמים - שחכמה הניכרת היא, שמראה להם סימן לדבריו בהילוך החמה והמזלות שמעידין כדבריו, שאומר שנה זו גשומה - והיא כן, שנה זו שחונה - והיא כן, שכל

העיתים לפי מהלך החמה במזלותיה ומולדותיה במזל תלוי הכל, לפי השעה המתחלת לשמש בכניסת החמה למזל, עכ״ל. דאס זעלביגע איז דארט מפרש דער ר״ן אויפן רי״ף.

אין קורצן איז פשט אזוי: דורך ארויסהאבן הילוך החמה והמזלות קומט אויס, אז מ׳קען כסדר זאגן דברי חכמה וואס שטעלן זיך ארויס צו זיין ריכטיג [חשבונות אויף לעתיד, דורך אסטראנאמיע און אסטראלאגיע. דרך אגב, יעדעס יאר קומט ארויס א לוח ׳דבר בעתו׳ פון הרב מרדכי געטנט שליט״א פון ב״ב, פיל מיט חשבונות אויף להבא ע״פ אסטראנאמיע און אסטראלאגיע]. דאס ווייזט אויף די חכמה פון כלל ישראל אפילו לעיני הגוים, וואס זעען אויך אז די אידן קענען פאראויסזאגן פארשידענע זאכן אדאנק זייער חכמה.

אזוי זאגט דארטן אויך קלאר דער מהרש״א [ד״ה כל היודע לחשוב], וז״ל: לאו לענין חשבון קביעות המועדים קאמר וכו׳, אבל לענין שינוי זמנים לפי הילוך החמה והמזלות שזו שנה גשומה וזו שחונה כפרש״י וכו׳, עכ״ל. זעען מיר קלאר אז ער שליסט אויס שיטת היראים ודעימיה, און ער לערנט טאקע אזוי אפ כונת רש״י.

יעצט דארפן מיר פארשטיין, אז אויב אזוי וואס איז די ׳מצוה׳ לחשב תקופות ומזלות, אויב ס׳איז נאר במציאות א ׳חכמה׳ אן קיין ספעציעלע סיבה און תפקיד ווי קידוש החודש.

## ד׳.

### דורך חכמת התורה וחכמת ישראל ווערט נתקדש שם שמים בעולם.

איך וואלט געזאגט, אז די מצוה איז פשוט צו מאכן א קידוש ה׳, דורכדעם וואס כלל ישראל ווייזט זייער חכמה לעיני העמים, קומט ארויס א קידוש ה׳ אז דער גוי זאגט ׳רק עם חכם ונבון הגוי הגדול הזה׳. אזוי איז משמע פון לשון רש״י: ׳לעיני העמים - שחכמה הניכרת היא, שמראה להם סימן לדבריו׳. דהיינו, אז בעצם האט כלל ישראל אין זיך אסאך מער חכמה, נאר גיי לערן מיט א גוי ברטנורא, ער הייבט נישט אן צו פארשטיין כלל ישראל׳ס תורה און איר טיפקייט און איר חכמה, און ממילא אויך כלל ישראל׳ס חכמה זעלבסט. נאר אדאנק די חישוב תקופות ומזלות, וואס איז א זאך וואס מאכט אפילו גוים שטוינען צוליב איר חכמה, און דאס איז א זאך וואס קען אויפגעוויזן ווערן אזוי׳ווי רש״י איז מסביר, דורכדעם אנערקענען די גוים די חכמה וואס ליגט באמת אין כלל ישראל, אדאנק די תורה. דערפאר איז א מצוה צו ווייזן די חכמה דורכ׳ן לערנען די חכמות חיצוניות וואס וועט גורם זיין צו א קידוש שם ה׳ בעולם.

דאס איז נישט מיין מחודש׳דיגע פשט [כאטש ס׳איז מחודש אזוי צו מפרש זיין רש״י׳ס כוונה], ווייל דער רמב״ם שרייבט דאס קלאר - נישט נאר כלפי חישוב תקופות ומזלות, נאר אויך כלפי אלערליי חוקי התורה. אז מיר האבן א חיוב צו מפרש זיין די מצוות כפי היכולת, מיט הסברים ונימוקים, כדי מיר זאלן ארויסקומען אלס חכמים ונבונים בעיני העמים. לאמיר צוזאמען לערנען די הייליגע ווערטער פונעם נשר הגדול - דער רמב״ם, אין מורה נבוכים ח״ג פל״א, וואו ער שרייבט בתוי״ד בזה״ל: ׳ואמר אשר ישמעון את כל החקים האלה ואמרו רק עם חכם ונבון הגוי הגדול הזה, כבר באר שאפילו החוקים כלם יורו אל כל הגוים שהם בחכמה ובתבונה, ואם יהי׳ ענין שלא יודע לו סבה ולא יביא תועלת ולא ידחה נזק, למה יאמר במאמינו או בעושהו שהוא חכם ונבון וגדול המעלה ויפלאו מזה האומות, אבל הענין כמו שהזכרנו בלא ספק׳, עכ״ל.

און ממש די זעלבע ווערטער זאגט שוין דער אבן עזרא אין זיין חקירה ספר ׳יסוד מורא׳ שער השמיני, וז״ל: ׳וככה המשכיל יוכל לדעת טעמים רבים בתורה אשר הם מבוארים באר היטב, ויש שהם מבוארים לאדם אחד מאלף, ומשה אדוננו ע״ה אמר על כל המצות רק עם חכם ונבון הגוי הגדול הזה, ואם אין להם טעמים שנוכל לדעת מה טיבם, איך יאמרו העמים שהם חקים צדיקים ואנחנו השומרים אותם חכמים׳, עכ״ל.

דער רמב״ם שרייבט דאס ארויס נאך שארפער אין זיין פירוש המשניות, אינעם הקדמה צום פרק חלק אין מסכת סנהדרין, וואו ער רעדט בנוגע אלע סארטן אגדות הש״ס וואס געוויסע לערנען אפ כפשוטו אנשטאט

פארשטיין מושכלות הענין ועומקה וואס חז״ל האבן געשריבן דרך מליצה באופן אגדתי [די שיטה האבן מיר שוין אויסגעשמועסט במקו״א, בשם ר״א בן הרמב״ם, עיי״ש בד״ה למשל], און דורכדעם ווערט נתחלל שם ה׳ ווען די גוים וואונדערן זיך וויאזוי אונז קענען זיין אזוי קליינקעפיג. וז״ל החריפה: ׳וזו הכת עניי הדעת, יש להצטער עליהם לסכלותם, לפי שהם מכבדין ומנשאין החכמים כפי דעתם, והם משפילים אותם בתכלית השפלות, והם אינם מבינין זה. וחי השם יתברך כי הכת הזה מאבדים הדרת התורה ומאפילים זהרה, ומשימים תורת ה׳ בהיפך המכוון בה. לפי שהשם יתברך אמר בתורה התמימה אשר ישמעון את כל החוקים האלה ואמרו רק עם חכם ונבון הגוי הגדול הזה, והכת הזאת מספרים משפטי דברי החכמים ז״ל, מה שכששומעים אותו שאר האומות אומרים רק עם סכל ונבל הגוי הקטן הזה׳, עכ״ל.

דער ספורנו שרייבט נאך די קלארסטע, טאקע אויפן פסוק ׳כי היא חכמתכם ובינתכם׳ וגו׳, וואס ער איז מפרש אז אדאנק די חוקי התורה וועט מען אויפווייזן די אמת׳דיגקייט דערפון, און דער ווארהייט פון עצם מציאות הא-ל, דורכן זען אזעלכע גוט געבויטע חוקים. און ער לייגט צו, אז מיר דארפן טאקע זיין זהיר אין דעם, צו מאכן א קידוש ה׳ דורך אונזער חכמה, וז״ל: ׳כי היא חכמתכם - בה תשיבו לאפיקורוס במופתים שכליים. כי מי גוי גדול אשר לו אלהים קרובים אליו - והטעם שראוי להקפיד שתהיו נחשבים חכמים ונבונים לעיני העמים הוא, שהא-ל יתברך קרוב אלינו בכל קראנו אליו, וזה יורה שבחר בנו מכל העמים, ואם יחשבו אתכם העמים לסכלים יהי׳ חילו ה׳, באמור לכם עם ה׳ אלה׳, עכ״ל. ווייטער גייט ער אריין אין א שמועס איבער מעלת חוקי התורה, ועיב״ד. ענליך צו דעם שרייבט שוין דער רמב״ן דארט [פסוק ה׳], עיי״ש.

עכ״פ פון די אלע ראשונים זעען מיר קלאר, אז די פסוק רעדט פון ׳מציאות החכמה׳ וואס געפונט זיך אין כלל ישראל, אדאנק זייער תורה, און די מצוה צו לערנען ׳חישוב תקופות ומזלות׳ איז - לויט דעם - כדי צו מאכן א קידוש ה׳ אז אלע פעלקער זאלן טאקע אנערקענען אז ׳רק אין חכם ונבון כגוי הגדול הזה׳, וואס דאס קומט דורך די מצוות התורה וואס ברענגען חכמה צו די וואס לערנען איר, און זענען מקיים אירע מצוות.

## ה׳.

### חישוב תקופות ומזלות איז א ׳סיבה׳ אדער א ׳סימן׳?!

יעצט בלייבט נאר איבער צו וויסן, צו דאס וואס חז״ל זאגן אז די פסוק ׳כי הוא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים׳ מיינט חישוב תקופות ומזלות, איז א סיבה אדער א סימן. דהיינו, איז די אסטראנאמיע און אסטראלאגיע די עצם חכמה וואס געפונט זיך ביי די אידן, וואס ברענגט התפעלות ביי די אוה״ע, און דערפאר דארפן מיר דאס לערנען כדי צו קענען ווייזן אונזער חכמה פאר די גוים, אדער איז פשט אז דאס איז פשוט אז כלל ישראל איז קלוג צוליב די חוקי התורה, נאר ווען א גוי וועט אריינקוקן אין תורה, אין גמרא, וועט ער נישט כאפן די גודל החכמה וואס ליגט דארטן, ביז מ׳זאגט אים נאך א שטיקל אסטראנאמיע וואס וועט אים ווייזן וויפיל חכמה ס׳ליגט ביי די אידן וואס לערנען די תורה.

פון פשטות דברי רש״י אין גמרא שבת, וואלט מען געקענט טראכטן אז די פסוק מיינט צו זאגן אז אין אסטראנאמיע און אסטראלאגיע איז דא חכמה, וואס וויבאלד די אידן זענען בקי דערינען איז עס א חכמה לעיני העמים. אבער פון מיין דיוק אין לשון רש״י קומט אויס, אז בעצם איז דאס נאר א סימן אויפן אלטוועלטליכע חכמה פון כלל ישראל. וויבאלד דא קען מען מוכיח זיין די חכמה, זאגנדיג עתידות וואס שטעלט זיך ארויס ריכטיג. משא״כ ביי חוקי התורה, כאטשיג דאס איז די מקור החכמה, קען זיך א גוי דינגען און זאגן אז ער זעט נישט איר חכמה. אויב וועלן מיר מפרש זיין אז דאס איז א סימן, האבן מיר א וועג וויאזוי אויפצואווייזן אז די תורה איז ריכטיג און אירע מצוות זענען קלוג, וויבאלד די אידן - וואס לערנען די תורה - האבן אין זיך אזא מאס חכמה אז זיי קענען אויסרעכענען תקופות ומזלות וואס אפילו די גוים אנערקענען אין איר חכמה.

אזוי איז אויך משמע פון די אויבנדערמאנטע ראשונים, וואס האלטן אז די פסוק רעדט דא פון קידוש שם ה׳ לעומת חילול ה׳ דורכן נישט פארשטיין די טיפקייט פון זיינע חוקים וכו׳. זיי האבן קלאר גערעדט פון די גאנצע תורה - נישט נאר פון חישוב תקופות ומזלות, און זיי האבן פארשטאנען אז די פסוק צילט דא צו מצוות ה׳ וואס שארפט אויס די מוחות פון כלל ישראל, וואס די תוצאה דערפון איז אז די גוים זאגן ׳רק חכם ונבון הגוי הגדול הזה׳. דאס גייט אויך ארויף אויף תורה שבע״פ אזש ביז די אגדות הש״ס, ווי דערמאנט בשם הרמב״ם בהקדמה לפרק חלק.

איי פארוואס האט די גמרא אין מסכת שבת גערעדט ספעציפיש פון חישוב תקופות ומזלות? דאס איז נאר א דיוק פונעם לשון ׳כי הוא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים׳, אז ס׳דארף זיין עפעס וואס איז א קלארע הוכחה אין אונזער חכמה, אפילו אין די אויגן פון אנדערע פעלקער. און היות זיי לערנען נישט קיין תורה, מוז עס זיין עפעס אנדערש. דאס איז חישוב תקופות ומזלות וואס איז א חכמה בעיני העמים, וואס צוליב דעם אנערקענט די גוי אין חכמת ישראל באופן כללי. אבער די פאקט איז, אז די ׳חכמתכם ובינתכם׳ איז די גאנצע תורה, חוקיה ומשפטיה, תורה שבכתב ושבע״פ.

ענליך צו דעם זאגט דער מהרש״א אין מסכת שבת [ד״ה שנאמר כי היא חכמתכם], וז״ל: ׳דחכמה ובינה בתורה לא תמצא בעמים, אלא דזו חישוב תקופות כו׳ שהיא חכמה ובינה גם לעיני העמים שידעו בחכמה זו׳, עכ״ל. פון דא זעט מען אויך, אז די פסוק רעדט פון חכמת התורה באופן כללי, נאר געוויסע ווערטער גייען ארויף אויף די חכמות וואס אפילו די אוה״ע זענען מכיר אין זיי.

לויט דעם וועלן מיר זיך צוריקקערן צום נושא האשכול: ׳כי הוא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים?! יא!!׳, וואו מיר האבן אויפגעוויזן אז די מקור צו חכמת ישראל וואס אפילו די גוי׳אישע פעלקער שטוינען דערויף, איז פון אונזער תורה שבע״פ - לימוד התלמוד. אודאי בדורות הקודמים איז דער מקור החכמה געווען די תורה שבכתב, נישט אומזיסט פירן זיך היינט ביליאנען מענטשן אויפן וועלט לאור די תורה, און די צוויי גרעסטע רעליגיעס זענען צווייגלעך פון תורת ישראל, דאס איז צוליב דעם וואס דעמאלס האבן שוין די אוה״ע געזאגט אויפן תורה באופן כללי ׳אשר ישמעון את החקים האלה ואמרו רק חכם ונבון הגוי הגדול הזה׳. אבער אוודאי ליגט אין דעם די תורה שבע״פ, וואס האט טאקע געוויזן במשך הדורות אז די וואס לערנען איר זענען שארפע, קלוגער, און טיפע קעפ.

אין געוויסע תקופות איז חכמת הגוים געווען באגרעניצט צו חכמת אסטראנאמיע ואסטראלאגיע, און ווען די אידעלעך - וואס ליגן אין לערנען א גאנצן טאג - האבן געהאט אזא בקיאות אין דעם פעלד, האט זיך אממערסטנס ארויסגעוויזן דורכדעם זייער חכמה ׳לעיני העמים׳, אבער מיט די צייט האט מען געזען אז אין סיי וועלכע פעלד און געביט פון חכמה, זענען די אידן גאר שארף און קלוג, און דורכדעם איז די חכמה ובינה לעיני העמים, נישט פארבינדן דווקא מיט אסטראנאמיע, נאר סיי וואספארא דבר חכמה ברענגט ארויס חכמת ישראל, וואס פארשטייען אלעס בעסער און מער פראצענטועל ווי דער גוי.

און אז דער גוי זעלבסט אנערקענט אז דאס איז צוליב די טיפע לימוד פון תלמוד, אין לך קיום גדולה מזו פונעם פסוק: ׳ושמרתם ועשיתם, כי הוא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים, אשר ישמעון את כל החקים האלה, ואמרו רק עם חכם ונבון הגוי הגדול הזה׳.

## ו.

### נספח.

כאטש די רמב״ם שרייבט אין הל׳ קידוש החודש אז ער האט גענומען זיינע חשבונות פון די חכמי אוה״ע, ווייל ביי די אידן איז נישט געווען די חכמת חישוב תקופות ומזלות, איז אבער קלאר אז בתקופת חז״ל האבן חכמי ישראל יא געקענט אסטראנאמיע און אסטראלאגיע, אזוווי שמואל האט מעיד געווען אויף זיך אז ער

איז בקי בשבילי הרקיע כבשבילי נהרדעא [וואו ער איז געווען ראש ישיבה], און די חכמים האבן געוואוסט פארשידענע זאכן [כימה, א׳ לשבעים שנה, ועוד] מעצמם.

בנוגע טעמי המצוות - כאטש מיר געפונען פארשידענע חוקים ווי שעטנז, בשר בחלב, וכו׳, וואס האבן נישט קיין טעם. עיי״ש ברמב״ם ח״ג נאך פל״א, וואו ער געבט אוועק אסאך פרקים לבאר טעמי המצוות. איי די געציילטע מצוות ווי שעטנז וכו׳, איז זיך שוין דער רמב״ם מתייחס דערצו דארט פכ״ח, וואו ער שרייבט אז ס׳טאקע דא געציילטע מצוות וואס מיר ווייסן נישט איר טעם. אבער אויב מ׳זעט אז כמעט אלע מצוות האבן א גוטע טעם, און האבן אוועקגעשטעלט גאר אן אפעקטיווער דרך החיים, ווייזט דאס אויפן גאנצן תורה, כאטש מיר פארשטייען נישט די טעם פון יעדע מצוה ומצוה ממש. כנלענ״ד בביאור דבריו שם, ודו״ק.